בס"ד

ראש השנה - תשפ"ב - גליון י"ח

# טייערע אידן

דברי חיזוק ואמונה ע"י המשפיע הגה"ח ר' משה מנחם טויבענפעלד שליט"א

# גרעאטעוועט פון די KGB נאר בזכות האמונה

## לעבן מיט אמונה

טייערע אידן: בענין אמונה ווערט געברענגט אין די ראשונים, אז אמונה דארף מען קובע זיין אינעם נפש, און ארבעטן שווער ביז דאס ווערט אריינגעבויט אין די נפש!

עס שטייט אין ספר 'החינוך', אז א מענטש דארף אריינבויען די אמונה אין קאפ און אין הארץ, און ער זאל באמת לעבן דערמיט! און אפילו אויב א מענטש ווערט אים עפעס פרעגן בנוגע אמונה זאכן, זאל די אמונה ארויסשרייען פון זיין הארץ!

אזוי אויך שטייט פון רבינו יונה אין זיין ספר 'שער העבודה', 'בכל לבבך', מיינט מען אז די אמונה זאל זיין מיט די גאנצער הארץ, אז דו אליין זאלסט נישט האבן קיין ספק אין אמונת השם! נאר דו זאלסט גלייבן און לעבן מיט השי"ת, און זיך באמת פארלאזן אז השי"ת וועט ממלא זיין דיינע צרכים!

## ענטפערט דער הייליגער בארדיטשובער רב זי"ע: "איך האב דארט געלערנט אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט!"

עס איז דא א באקאנטע מעשה מיט הרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע. זיין שווער האט אים גענומען פאר אן איידעם אלס למדן און תלמיד חכם, אבער נישט אלס חסיד... ויהי היום, דער הייליגער בארדיטשובער רב זי"ע הייבט זיך אויף, און פארט אריבער צו זיין רבי'ן דער הייליגער רבי ר' בער זי"ע דער מעזריטשער מגיד זי"ע, נתעלה צו ווערן בעבודת השי"ת. דעם שווער האט דאס זייער פארדראסן! ביטול תורה!

ווען דער קדושת לוי זי"ע איז אהיימגעקומען פונעם רבי'ן, האט אים דער שווער פארגעהאלטן: "היתכן?! ביטול תורה! וואס האסטו דארט געלערנט?". ענטפערט דער הייליגער בארדיטשובער רב זי"ע: "איך האב דארט געלערנט אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט!"

האט זיך דער שווער נאכמער געבייזערט: "דאס ביסטו נאר דארט געוואויר געווארן?" און דער שווער רופט צו די דינסט, און פרעגט איר: "דו ווייסט אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט"? ענטפערט זי: "זיכער ווייס איך". זאגט דער שווער: "נו, זעסטו? דאס ווייסט די דינסט אויך! וואס האסטו דארט געלערנט מער פון וואס די דינסט ווייסט?". ענטפערט דער הייליגער קדושת לוי זי"ע: "זי 'זאגט' אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, אבער איך 'ווייס' אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט"

חסידים פלעגן טייטשן: 'ואמונתך סביבותיך', די אמונה זאל ארומנעמען דעם מענטש!

און די טעג איז די יארצייט פונעם סקולענער רבי זצוק"ל, הרה"ק רבי אליעזר זוסיא פארטוגאל זצוק"ל. עס האט דערציילט א אינגערמאן פון מודיעין עילית, וואס זיין זיידע האט געוואוינט אין אמעריקע, און ער איז לעצטנס געקומען וואוינען קיין ארה"ק.

האט דער זיידע אים דערציילט, אז ער האט א חבר אין אמעריקע, וואס האט געוואוינט אין ראמעניע אונטער די קאמוניסטן ימ"ש, און ער פלעגט מאכן שווארצע געשעפטן. ויהי היום, און די KGB זענען געוואויר געווארן פון זיינע געשעפטן, און זיי האבן אים געוואלט קומען נעמען צו אן אומבאקאנטער ארט... אבער ער איז באצייטנס געוואויר געווארן אז מען ווייל אים קומען איינזעצן, ער האט געהויבן פיס און געמאכט פליטה... און נישט נאר ער, נאר זיין גאנצע משפחה זענען זיך געלאפן באהאלטן פון גרויס שרעק, און ער איז נישט געבליבן מער ווי א טאג/צוויי אויף יעדער מקום מקלט, מורא האבנדיג אז מען זאל נישט קומען אויף זיינע שפירן...

איין טאג איז צו אים אנגעקומען איינער פון זיינע קרובים, און פרייליכערהייט מודיע געווען אז עס איז זיי געלונגען צו באקומען פאר אים אן אפוינטמענט ביי די אינערן-מיניסטעריום, צו פארלאנגען רשות צו קענען ארויספארן קיין ארץ ישראל! און ער וועט בעזהשי"ת קענען פארן קיין ארץ ישראל, און זיינע גלות וואנדערנישן וועלן קומען צו אן ענדע!

פארשטייט זיך אז מצד אחד האט ער זיך זייער געפריידט! אבער מצד שני איז ער געווען זייער באזארגט, ווייל אפשר איז דאס א שפיצל פון די KGB אז זיי וועלן אים דארט אפווארטן, קייטלען און אוועקפירן! רח"ל.

בצר לו איז ער אריבער צום סקולענער רבי זי"ע זיך אויסרעדן זיינע שוועריקייטן. דער סקולענער רבי זי"ע האט אים געענטפערט: "איך האב נישט פאר אייך קיין שום עצה חוץ אמונה ובטחון". דער איד האט אבער נישט נאכגעלאזט, און געמוטשעט אז דער רבי מוז אים פועל'ן א ישועה! ער מוז זיך ארויסזען פון ראמעניע! און דער סקולענער רבי זצ"ל ענטפערט אים די זעלבע ווערטער: "איך האב נישט פאר אייך קיין שום עצה! איר מוזט האבן גרויס אמונה און בטחון בהשי"ת"! רופט ער זיך אן: "רבי! איך גלייב!" זאגט אים דער רבי זצ"ל: "עס איז נישט גענוג אז מען 'זאגט' אז מען גלייבט! מען דארף טאקע באמת גלייבן!" פרעגט ער: "נו, זאל מיר דער רבי געבן הדרכה וויאזוי איך קען מיר מחזק זיין בענין אמונה ובטחון".

האט דער סקולענער רבי זי"ע אים געהייסן זיך אוועקזעצן, און במשך אפאר שעה האט ער מיט אים געלערנט ספרים אויף אמונה ובטחון!

נאכן לערנען מיט אים אזוי אפאר שעה, זאגט אים דער רבי זצ"ל: "מארגן קום צוריק נאכאמאל, און מיר וועלן ווייטער לערנען!"

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה! נאכאמאל האט דער רבי במשך פון אפאר שעה גע'חזר'ט אמונה ובטחון. און אזוי במשך אפאר טעג נאכאנאנד האבן זיי צוזאמען געלערנט, ביז דער איד איז באמת געווארן א שטיק אמונה ובטחון, לעבעדיג און פילנדיג אז ער איז כל כולו אין דעם אויבערשטנ'ס הענט כביכול! און נאך אזא הכנה איז ער געגאנגען צום אפוינטמענט, און מען האט אים באשטעטיגט אז ער קען פארן קיין ארץ ישראל.

אבער... אין די פארט-שטאט פון וואו דער שיף פארט ארויס קיין ארץ ישראל, איז דא נאך אן אינערן-מיניסטעריום אפיס, און איידער ער גייט צום שיף מוז ער אהינגיין צו יענעם אפיס, צו באקומען דעם ענדגילטיגן ערלויבעניש! איבריג צו זאגן אז געווענליך איז דאס נישט געווען קיין פרייליכע נייעס צו הערן... אבער נישט נאך אזא גרויסע הכנה, אינאיינעם מיטן סקולענער רבי זצ"ל.

ער האט זיך געשטארקט מיט אמונה ובטחון, און איז געפארן צום פארט-שטאט, און מיט זיכערע טריט איז ער שנעל צוגעגאנגען צו יענעם אנגעגעבענעם אפיס. דארט זענען געווען פארזאמלט אלע וואס האבן געדארפט מיטרייזן מיטן שיף קיין ארץ ישראל, און כמנהג הקאמוניסטן האט אלעס געדויערט שרעקליך לאנג... ענליך, 10 מינוט פאר די שיף דארף שוין ארויספארן, איז אנגעקומען זיין רייע צוצוגיין צום אפיציר. יענער נעמט זיין נאמען און אינפארמאציע, און שרייבט א צעטל, און חתמ'עט דאס אונטער, און געבט אים דאס איבער.

אין אן אויגנבליק איז ער געלאפן צום שיף כדי דאס נישט צו פארשפעטיגן, און יא... ער האט נאך געכאפט דעם שיף, און ער וויזט זיין פאספארט מיט זיין ערלויבעניש דאקומענט וואס ער האט נאר יעצט באקומען - און נאכנישט אנגעיאגט צו קוקן דערויף - און יענער לאזט אים ארויף אויפן שיף, און בשעה טובה ומוצלחת איז דער שיף ארויסגעפארן אויפן וועג קיין ארצינו הקדושה.

נאך אפאר טעג פארן אויפן שיף צו זיין גרויסע שמחה, האט ער עפעס איין טאג מסדר געווען זיינע זאכן, און צווישן זיי דעם ערלויבעניש דאקומענט. ער הייבט אן ליינען דעם דאקומענט, און... עס ווערט אים קאלט אין אלע ביינער... דער אינערן-מיניסטעריום אפיציר שרייבט דארט אז דער מענטש איז 'נישט' ערלויבט צו פארלאזן דער סאוויעטן פארבאנד, וויבאלד ער ווערט געזוכט דורך די KGB פאר זיינע אומלעגאלע געשעפטן... אבער ער איז דאך געווען א איד מיט אמונה ובטחון, און מיטן כח פון בטחון האט דער שיף באאמטער געזען דארט גאר אנדערע דיבורים!

טייערע אידן, קוקט און זעט דעם כח שלא כדרך הטבע פון אמונה ובטחון בהשי"ת!

## ווי קען איך רחמנות האבן אויף איהם ווען ער האט בריטאל דערשאסן מיין קינד ביים קריג

### אלול ווערט מען א בריה חדשה

טייערע אידן! עס שטייט אין ספה"ק זרע קודש פונעם ראפשיצער רב זי"ע, אז דער טעם פארוואס די טעג פון אלול און תשרי ווערן אנגערופן 'ימי רחמים ורצון' איז, ווייל דאס איז מרמז אויף די מ' יום שקודם יצירת הולד - 40 טעג ביז יום הכיפורים, יום כיפור איז דאך א טאג פון סליחות, און דער טאג וואס מען האט געגעבן די צווייטע לוחות, און יום כיפור איז דער עיקר יצירה פונעם מענטש, ווייל דעמאלס ווערט דער מענטש ווי א בריה חדשה! און דערפאר איז ראש חודש אלול ארבעים יום קודם יצירת הולד!

אויך זאגט ער, אז כידוע זענען די ערשטע 12 טעג פון חודש ניסן מרמז אויף די י"ב חדשי השנה, און ו' ניסן - די זעקסטע טאג, וויזט אויף אלול, און דעמאלס זאגט מען די נשיא פון שבט גד, קומט אויס אז חודש אלול איז מרמז אויף גד, און גד וויזט דאך אויף א מזל טוב - בא גד. דאס שטימט זייער שיין, ווייל ראש חודש אלול וואס וויזט אויף גד, איז פונקט דער אנפאנג פונעם נייעם יצירה פונעם מענטש! אזוי ווי ביי א תנאים וואס איז דער אנפאנג פון א שמחה זאגט מען מזל טוב,

### און וועלכער זכות וועט מען אונז דן זיין לכף זכות?

עס שטייט אין ספה"ק קדושת לוי פונעם הייליגן בארדיטשובער רב זי"ע, אויפן פסוק 'שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך, ושפטו את העם משפט צדק'. טייטשט ער אזוי, עס קומט דאך דער יום הדין, און השי"ת גייט משפט'ן די גאנצע וועלט, און מען דארף האבן אן אתערותא דלתתא, צו מעורר זיין מידת הרחמים אויבן אין הימל, נו, וויאזוי איז מען מעורר מידת הרחמים ביים משפט? דורכדעם וואס מיר וועלן גומל חסד זיין איינער מיטן אנדערן, און דורכדעם וואס מיר וועלן דן זיין איינער דעם אנדערן לכף זכות - דורכדעם וועט אין הימל אויך נתעורר ווערן אויף אונז דער מידת הרחמים, ויוציא לאור משפטינו לחיים טובים ולשלום!

מיט דעם טייטשט ער 'שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך' - דער איד איז אליין מתקן דער משפט של מעלה דורך זיינע מעשים, 'ושפטו את העם משפט צדק' - א איד זאל זיך פירן מיט א משפט צדק צו אנדערע אידן, און מלמד זכות זיין אויף אנדערע אידן, און דורכדעם וועט ער מעורר רחמים זיין אויבן אין הימל, און ער וועט ארויסגיין זכאי בדין, ווייל במידה שאדם מודד מודדין לו!

איך האב געהערט אין דעם ענין א הערליכע מעשה! א חסיד'ישער בחור איז אמאל געגאנגען אין גאס אין בני ברק, און ער זעט א שילד אויף איינע פון די לוח המודעות, אז עס איז דא א בחור וואס איז נעבעך זייער נישט געזונט, און מען דארף אים געבן 'מאראך', און מ'זוכט נדבנים. דער בחור איז זייער נתעורר געווארן, א קלייניקייט? מציל זיין א נפש בישראל?

ער האט זיך געווענדן צום 'קופת חולים', צו זען אויב ער האט בכלל די זעלבע סארט מאראך, נאך וואס זיי האבן פעסטגעשטעלט אז ס'איז די זעלבע סארט, האט ער אנגעהויבן מברר זיין און פארשן ווער איז דער בחור, און ער האט זיך מיט אים פארבינדן. זיי האבן זיך געטראפן, און עס שטעלט זיך ארויס אז דאס איז א פרייער בחור נעבעך... אבער דאך א אידיש קינד. זיי האבן געכאפט א שמועס קודם בענין זיין מחלה ל"ע, דערנאך וועגן אידישקייט, און דערנאך סתם אזוי וועגן די תפקיד פון א איד אויף דער וועלט, און פון דעם שמועס זענען זיי ממש נתקשר געווארן בנפש איינער צום אנדערן.

שפעטער האט ער זיך געטראפן מיטן פאטער פונעם פרייער בחור, און ביים זיך גזעגענען האבן זיי באשטימט אז מען וועט נאך זיין בקשר וועגן ווען מען זאל מאכן דעם מאראך טרענספלענט.

אהיימקומענדיג האט דער חסיד'ישער בחור דערציילט פאר זיין טאטע די גאנצע מעשה, אז ער גייט גומל חסד זיין מיט א קראנקער בחור. דער טאטע האט זיך געפריידט צו הערן אז זיין זון איז אזא גומל חסדים, און דער טאטע פרעגט אים, וועלכע משפחה זענען זיי? האט ער געענטפערט פאר זיין טאטע די נאמען פון די משפחה.

אזוי ווי דער טאטע הערט דעם נאמען איז דער טאטע געווארן שטארק צעקאכט, און מיט א שטרענגע טאן געזאגט פארן בחור זיינער: "איך בין אויף דיר גוזר בגזירת כיבוד אב, אז דו טארסט פאר דעם בחור נישט געבן קיין מארעך בשום פנים ואופן!". "אבער פארוואס?" פרעגט דער בחור? ענטפערט אים דער טאטע: "פרעג נישט קיין קושיות!".

דער בחור איז געווען אויסער זיך! דא וויל ער מציל זיין א נפש בישראל, און דא האט ער יעצט באקומען א ציווי פונעם טאטן דאס נישט צו טון. וואס טוט מען?

בצר לו איז ער געגאנגען צו זיין טאטנ'ס רב - א חשוב'ער רב - און אים דערציילט דברים כהווייתן, און ער פרעגט אים: "וואס טו איך יעצט?" זאגט אים דער רב: "איך וועל מיט דיר צוזאמען ארויפקומען צו דיין טאטן, און מיר וועלן צוזאמען פראבירן רעדן מיט אים".

דער רב איז טאקע ארויפגעקומען צום טאטן, און ווי נאר דער טאטע האט געהערט פון וואס דער רב הייבט אן צו רעדן, האט אים דער טאטע געזאגט: "רב לעבן! איך האב פארן רב גרויס דרך ארץ, און איך וויל דעם רב נישט ארויסשיקן פון מיין שטוב, אבער אויב דער רב איז ממשיך צו רעדן פון דער נושא, גיי איך ארויס פון שטוב!".

דער רב האט זיך אבער נישט געלאזט, און הייבט זיך ווידער אן איינצובעטן, אז 'כל המציל נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא'. אבער דער טאטע האט געהאלטן ווארט... ער הייבט זיך אויף, און ער גייט ארויס פון שטוב!...

נו, וואס קען מען דא טון? זאגט דער זון: "איך טראכט אז אפשר זאל דער רב צוריקקומען פסח ביינאכט נאכן סדר, ווען מיין טאטע איז שוין אנגעטרינקען מיט די ד' כוסות, אפשר דעמאלס וועט זיין נכנס יין יצא סוד..."

דער רב האט צוגעשטימט אז דאס איז א גוטע פלאן... און פסח ביינאכט, נאכן סדר, באוויזט זיך ביים טאטן אינדערהיים א חשוב'ער גאסט! דער רב אליין בכבודו ובעצמו. דער רב פרעגט דעם טאטן: "טאטע לעבן, איך וויל דיר נאר איין קושיא פרעגן! זאג מיר פארוואס לאזטו נישט דיין בחור געבן די מארעך פארן פרייער בחור? כל המציל נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא!"

עס איז שוין געווען כטוב לב המלך ביין, און דער טאטע נעמט זיך דערציילן:

ביים צווייטער וועלט-קריג בין איך געווען אינעם געטא, און איך האב דארט מיטגעמאכט יסורי איוב ל"ע, מען האט אונז געמאכט שווער ארבעטן, און נישט געגעבן גענוג צו עסן, אבער איין נחמה האט איך געהאט, אז עס איז מיר געלונגען צו באהאלטן מיין זון פון די נאציס ימ"ש, איך פלעג אים יעדן טאג באהאלטן אויפן בוידעם פון אונזער הויז, און ביינאכט פלעג איך אים אראפנעמען, צו געבן צו עסן און ער זאל קענען כאפן פרישע לופט.

דארט אין געטא איז געווען א פרייער איד ל"ע, וואס האט מיטגעארבעט מיט די נאציס, און ער איז געווען א גרויסער מומחה אין צענעמען און צעווארפן געביידעס, און די נאציס ימ"ש פלעגן אים נוצן פאר זייערע שלעכטע אקטיוויטעטן, און ער פלעגט זיך שטאלצערהייט דרייען אין געטא, אין באגלייטונג פון צוויי עס עס וועכטער וואס האבן אים באשיצט.

ויהי היום, זעט אויס אז די נאציס ימ"ש זענען געוואויר געווארן איז איך באהאלט מיין קינד אינעם שטוב, און דער איד מיט זיינע צוויי וועכטער קומען אריין, און דער פרייער איד האלט אין האנט א שטעקן, און הייבט אן קלאפן אויף די ווענט, ביז ער קומט אן צום בוידעם... ער קלאפט דא און דארט, ביז... ער רופט זיך אן: "דא איז ער!" דאס איז טאקע געווען פונקט וואו מיין זון איז געווען באהאלטן!... ער געבט אפאר שטארקע זעצעס מיט זיין שטעקן, און עס ברעכט זיך אראפ א שטיקל האלץ פונעם בוידעם, און... דאס קינד איז אראפגעפאלן פונעם בוידעם!

פאר מיינע אויגן האבן די צוויי וועכטער אנגעכאפט דאס קינד ביי די הענט, און אים פון דארט ארויסגעפירט, און זיי קלאפן צו דאס טיר נאך זיך... עס גייט אריבער אפאר מינוט, און... איך הער צוויי מאל שיסן רח"ל... איך האב פונקטליך פארשטאנען וואס איז יעצט געשעה צו מיין קינד רח"ל.

פירט אויס דער טאטע פסח ביינאכט דעם ווייטאגליכן מעשה: "רב לעבן! איר ווייסט ווער יענער פרייער איד איז געווען??? דאס איז דער טאטע פונעם קראנקען בחור פאר וועם מיין בחור וויל געבן מארעך! בשום פנים ואופן בין איך נישט מסכים אז אזא רשע, אכזר און רוצח, ווי יענער, זאל באקומען לעבן פאר זיין זון, און נאכדערצו פון מיינס א קינד! אז מיין קינד'ס לעבן איז אים נישט וויכטיג געווען, איז זיין קינד'ס לעבן מיר אויך נישט וויכטיג!"

דער רב הערט די ווייטאגליכע געשיכטע, און פראבירט זיך איינצובעטן ביי אים: "איך פארשטיי דיר הונדערט פראצענט! אבער וואס איז דער בחור שולדיג אז ער האט אזא ברוטאלער טאטע?" אבער דער טאטע וויל פון גארנישט הערן, און מיט רעכט!

פון די אנדערע זייט, דער קראנקער בחור מיט זיין טאטע האבן אויך נישט נאכגעלאזט, און זיך געבעטן אז דער בחור זאל שוין מסכים זיין צו מאכן דעם טרענספלענט.

אבער יעצט נאכן הערן די מעשה פון זיין טאטן פסח ביינאכט, האט דער בחור שוין אויך מסכים געווען צו זיין טאטע, אז פאר אזא משפחה קומט זיך נישט אז מען זאל זיי געבן מאראך.

אבער דער רב האט נישט געוואלו אויפגעבן און האט מחליט געווען אז ער מוז פארציילן די מעשה פאר דעם איד, אפשר וועט ער איהם קענען פארציילן עפעס וואס ער ווייסט נישט, כך הוה דער רב איז אריבער געגאנגען צו דעם איד און פארציילט דער גאצע מעשה,

אזוי ווי דער קראנקער בחור'ס טאטע הערט די מעשה מיטן קינד ביים קריג, איז ער געווארן זייער איבערגענומען, און ער זאגט: "איך מוז זיך טרעפן מיט דעם איד ווי שנעלער! איך וויל אים דערציילן די צווייטע האלב מעשה"!

דער רב האט דאס איבערגעגעבן פאר זיין טאטע. קודם האט דער טאטע נישט געוואלט, אבער דער רב האט זיך ביי אים איינגעבעטן, און ער האט אויך באקומען עפעס א געפיל אז ער מוז הערן די 'צווייטע האלב מעשה'. מען האט אפגעשמועסט א צייט, ווען ביידע אידן מיט זייערע קונדער וועלן זיך טרעפן...

איבריג צו שילדערן דעם טאטנ'ס ווייטאג און כעס, זעענדיג דער מערדער פאר די אויגן... און דער קראנקער בחור'ס טאטע רופט זיך אן אזוי: "שוין יארן לאנג וואס דו מיינסט אז איך בין דיין זונ'ס רוצח! אבער ניין! מעשה שהיה כך היה. דעמאלס ווען מען האט דיין זון ארויסגעפיהרט פון דיין שטוב, האב איך גוט געוויסט וואס צו דעם קינד גייט געשען רח"ל, און איך האב שטארק רחמנות באקומען אויפן קינד, איך האב אים געוואלט ראטעווען זיין לעבן.

ארויסקומענדיג מיט אים אין גאס, איז שוין דארט געשטאנען גרייט א נאצי מיט אן אויסגעשטרעקטער ביקס צו טון פארן קינד דאס ערגסטע רח"ל. איז מיר פלוצלינג איינגעפאלן א שרעקעדיגע געדאנק! איך ווענד מיר צו יענעם נאצי, און איך בעט אים: "אזויווי איך בין דאך געווען דער וואס האט געהאלפן אנטדעקן דאס קינד, וויל איך האבן דער כבוד אים צו אומברענגען!"

דער נאצי האט מסכים געווען, און ער האט איבערגעגעבן דאס קינד אין מיינע הענט, און איז זיך אוועקגעגאנגען! בין איך געגאנגען אין א באהאלטענע ווינקל, און געשאסן צום טויט מיינע צווי נאצישע באגלייטער! און דאס קינד האב איך שנעל געטראגן ארויס פונעם געטא, צו א פארלאזטע קלויסטער, וואו קיינער האט זיך נישט געדרייט.

פון יענעם טאג אן האב איך אים אהינגעברענגט צו עסן, עס האט אבער נישט לאנג גענומען, און די פירער פונעם געטא זענען געוואויר געווארן וואס איך האב דא אפגעטון... און אז איך האב זיי פארראטן. זיי האבן געברענט פאר כעס, און מיר געוואלט הרג'ענען, אבער זיי האבן מיר דאך געדארפט האבן צוליב מיין עקספערטיז, האבן זיי מיר געלאזט לעבן, אבער זיי האבן מיר געשעדיגט אויף אן אופן אז איך זאל מער נישט קענען האבן קיין קינדער רח"ל.

אזויווי איך האב דאך געוויסט אז קיין אייגענע קינדער וועל איך שוין נישט האבן, האב איך מיר מיט אלע כוחות אונטערגעגארטלט, און איך האב באשיצט און באזארגט יענעם קינד. געלויבט השי"ת אז איך מיטן קינד האבן מיר ביידע איבערגעלעבט דעם ביטערן קריג!

און טאקע נאכן קריג האב איך געטוען אזויפיל השתדלות צו טרעפן די עלטערן פון דעם קינד, איך האב זיך געוואנדן צו פילע ארגאניזאציעס און קיינער האט מיר נישט געקענט טרעפן די עלטערן, אזוי האב איך איהם אויפגעצויגן ווי אן אייגן קינד,

דער טאטע זיצט בלאס די שוייס פאנג איהם אן צו רינען, טרערן פאנגט אן צו פליסן, אוי דאס איז דאך מיין קינד, און פארדעם איז די מאראך טאקע די זעלבע, די טאטע פאלט ארויף אויף זיין זוהן וואס ער האט יארן געזאגט קדיש נאך איהם, מען קען זיך נישט פארשטעלן

די גרויס התרגשות ווען די בחור האט זיך צוריק פאראייניגט צו זיין טאטע מאמע און דער בחור האט טאקע געגעבן מארעך פאר זיין אייגענער ברודער!

הוי דן את כל האדם לכף זכות!!!

# דער קינד מיט ספעציעלע געברויכן דערלאנגט א פראסק פאר'ן עושר

## אבער נאר איינער ווערט נישט פארלוירן

### דער צדיק איז אייביג יענעם דן לכף זכות

טייערע אידן! מיר האבן שוין גערעדט אז דער הייליגער בארדיטשובער רב זי"ע טייטשט 'שופטים ושוטרים תתן לך', אז א מענטש מאכט זיך אליין שופטים פארן יום הדין - ראש השנה הבא עלינו לטובה! דורכדעם וואס ער איז דן אנדערע אידן לכף זכות איז ער מעורר מידה כנגד מידה, אז אין הימל זאל מען אים אויך דן זיין לכף זכות!

דער זעלבער געדאנק שטייט אויך אין ספה"ק תפארת שלמה, אז דער עיקר תפקיד פון צדיקים, איז צו דן זיין אידישע קינדער לכף זכות, אפילו דעם שוואכסטן איד! און מעורר זיין רחמים וחסדים אויף אידן.

מיט דעם טייטשט ער דעם פסוק וואס שלמה המלך האט מתפלל געווען 'ונתת לעבדך לב שומע ודעת לשפוט את העם להבין בין טוב לרע, מי יוכל לשפוט עמך הכבד הזה', אז שלמה המלך ע"ה האט מתפלל געווען פארן באשעפער אז ער זאל האבן א לב שומע, כדי ער זאל קענען דן זיין אידן לכף זכות, און כידוע אז דער דרך פון צדיקים איז אז לגבי זיך אליין זעען זיי אייביג נאר זייערע שלעכטע מעשים, ווי שפל זיי זענען, און ווי ווייט פון שלימות זיי זענען. ממש פארקערט פון דעם איז ווען עס קומט צו דן זיין אנדערע אידן, וואס דעמאלס זעען די צדיקים אין אנדערע אידן נאר זייערע מצוות און שלימות, כאטש וואס באמת קומען די אנדערע אידן נישט צו צו די גדלות פון די צדיקים, אבער די צדיקים ביי זיך אליין זעען נאר פונקט דאס פארקערטע.

מיט דעם איז דער תפארת שלמה מסביר דער מאמר חז"ל 'כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני, וחנינא בני די לו בקב חרובין וכו'.' אז רבי חנינא ביי זיך אין די אויגן איז געווען אזוי שפל, אז ער האט נישט געהאלטן אז עס קומט זיך אים מער ווי א קב חרובין, אבער אין אמת'ן אריין איז רבי חנינא געווען אזוי גרויס און הייליג, אז זיין גדלות וקדושה האט משפיע געווען מזון פאר די גאנצע וועלט.

טייטשט ער מיט דעם דער פסוק 'שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך', אז די צדיקים טוען זיך כסדר שופט זיין, און זיי קנס'ענען זיך כסדר, אזוי א שוטר, אבער דאס איז נאר פאר זיך אליין, ווען עס קומט אבער צו יענעם, דעמאלס איז 'ושפטו את העם משפט צדק', ביי יענעם זעען זיי נאר די צדקות און גוטס, און זיי זענען דן אנדערע אידן לכף זכות, און דורך די מידה זייערע זענען זיי מעורר רחמים אויף די גאנצע וועלט!

און דאס איז אונזער פאסיגסטער הכנה צו די הייליגע טעג, ביי זיך אליין זען וואס עס טויג נישט, אבער אנדערע אידן דן זיין לכף זכות, און אזוי וועלן מיר מעורר זיין די מידה אויבן אין הימל, אז ביים משפט ראש השנה זאל מען זיך מיט אונז אויך אזוי פירן!

עס האט דערציילט א איד, אז ער האט אמאל געארבעט אין א מוסד אין ארץ ישראל פאר קינדער מיט ספעציעלע געברויכן. עס איז דעמאלס געווען א שווערע עקאנאמישער מצב אין ארץ ישראל בכלל, און אין דער מוסד האט מען דאס געפילט בפרט, מענטשן האבן נישט געהאט קיין געלט צו העלפן אויסהאלטן דעם מוסד, און דערפאר האט מען נישט אייביג באצאלט די געהאלט פאר די איינגעשטעלטע, אזוי אויך די צרכים פון די ספעציעלע קינדער איז אויך נישט געהעריג געווארן צוגעשטעלט, בקיצור דער מצב האט נישט געקלאפט.

א חלק פון די איינגעשטעלטע האבן זיך אבער איבערגעגעבן מיטן גאנצן הארץ פאר די קינדער, און

געזארגט פאר זייערע צרכים, און אפילו פון זייער אייגן געלט צוגעשטעלט פאר די קינדער דאס וואס דער מוסד האט נישט צוגעשטעלט, ווייל זיי האבן געטון זייער ארבעט פשוט ווייל זיי האבן צו דעם געהאט א געפיל, אבער... רוב איינגעשטעלטע האבן נאר זיכער געמאכט אז דער מוסד זאל גלאנצן און אויסזען שיין פון אינדרויסן, אבער... פון אינעווייניג...

בקיצור דער מצב איז געווארן ענגער און ענגער, און דער מוסד האט געהאלטן אט-אט ביים צאמפאלן פינאנציעל. ביז... איין שיינעם טאג האט די הנהלת המוסד געלאזט וויסן אז מיט גרויס מי און פלאג האבן זיי מצליח געווען צו אריבערברענגען א גרויסער עושר! וואס ער זאל קומען כאפן א בליק אויף דער מוסד, און האפנטליך וועט ער ווערן אנגעווארעמט און איבערלאזן א גרויסע סכום געלט

מען האט באשטימט אז אין צוויי וואכן פון יעצט וועט ער קומען. פארשטייט זיך אז אין די צוויי וואכן דארף מען אביסל אויסמענטשליכן דאס פלאץ! איבריג צו שילדערן אז די הכנות האבן זיך אנגעהויבן תיכף ומיד מיטן פולסטן טעמפא! מען האט איבערגעקאלעכט דעם גאנצן געביידע, פארראכטן אלע לעכער אין די ווענט... און שיין באצירט און באפוצט לכבוד דעם הויכגעשעצטן עושר... און דער מנהל המוסד - וואס איז אייביג געווען פארנומען נאר מיטן דרויסנדיגער אויסקוק פונעם מוסד - איז געווען שטארק אנגעצויגן, און אריינגעלייגט קאפ און מח אז דאס פלאץ זאל 'אויסקוקן' געוואלדיג! ער האט ספעציעל אנגעגרייט א שיינע קבלת פנים פארן עושר, און גערופן גוטע רעדנערס וואס זאלן אים שיין מקבל פנים זיין, און אים גוט גוט אנווארעמען...

נאך לאנגע שווערע צוויי וואכן איז דער עושר ערשינען ברוב פאר והדר אינעם מוסד! דער מנהל האט שיין און העפליך אויפגענומען דעם עושר, אים ארומגעוויזן דעם בנין און די קינדער, און אים אראפגעפירט צום קבלת פנים! און די דרשות האבן זיך אנגעהויבן... איין דרשה בעסער ווי די אנדערע, און ווארעמע הארציגע בקשות...

אבער... עס זענען דאך געווען נאך משתתפים ביי די דרשות און קבלת פנים, די ספעציעלע קינדער... און זיי זענען גאנץ ווייניג געווען אינטערעסירט אין די אלע דרשות... און ביז אפאר מינוט האט דאס פלאץ אנגעהויבן צו טומלען און רעש'ן... און די דרשות האבן נישט געקענט פארזעצן...

ער איז אראפ פונעם סטעידזש, און אנגעהויבן פראבירן צו רעדן מיט די קינדער, ער האט זיי געפרעגט זייערע נאמען וכדומה, אבער קיינער פון די קינדער האבן אים נישט געענטפערט, און רוב פון זיי האבן אים ניטאמאל אריינגעקוקט אין פנים אריין...

גייענדיג ווייטער באמערקט ער עפעס א קינד פון פערצן יאר אלט, וואס זיינע אויגן זענען אים עפעס געפאלן. ער בייגט זיך צו צו דעם קינד, און ער הייבט אים אן צו פרעגן: "וויאזוי הייסטו?" דער קינד האט זיך מורא'דיג דערשראקן פון דער פרעמדער מענטש וואס רעדט צו אים, און פון גרויס פארלוירנקייט האט ער אויפגעהויבן די האנט, און דערלאנגט פארן עושר א קלינגעדיגע פראסק אין פנים...

אויב דאס איז נישט גענוג געווען, האט ער געגעבן א כאפ אראפ דעם עושר'ס טייערע גאלדענע גלעזער, און ער האט דאס צעשמעטערט אויף שטיקלעך... די כאאס, צעמישעניש און פארלוירנקייט, האט מען געקענט טאפן אין די לופט... דער עושר - וועלכער האט נאך אין זיין לעבן נישט געכאפט אזא פראסק - האט זיך נאכנישט געכאפט וואו ער איז און וואס איז מיט אים געשען... און דער מנהל המוסד - וועלכער האט זיך שוין מייאש געווען פון צו באקומען אפאר דאלער - איז געווען פארלוירן און גוט אויפגערעגט אויפאמאל... איז ער שנעל צוגעלאפן צום עושר, און אים געזאגט: "לאמיר ארויסגיין אינדרויסן זיך צו בארואיגן?" און דער עושר איז טאקע ארויסגעגאנגען כאפן דעם אטעם...

אלעס ארום האט געטומלט מיט די מעשה וואס איז יעצט דא געשען... חוץ פון איינער. געווען איז דאס איינע פון די איינגעשטעלטע, איר נאמען איז געווען שפרה, זי איז געווען א מענטש מיט הארץ און געפיל צו די קינדער, און זי האט פארשטאנען צום נפש פון דעם 14 יעריגע קינד, און זי האט געזען אויף אים ווי פארלוירן און דערשראקן ער איז, איז זי שנעל צוגעגאנגען צום קינד, און אין די צייט וואס יעדער איז געווען פארנומען וויאזוי מען קען בארואיגן דעם עושר, איז זי צוגעגאנגען בארואיגן דאס קינד! און זי האט זיך מיט אים אפגעגעבן מיטן גאנצן מח און הארץ!

דער עושר - שוין שטייענדיג אינדרויסן פונעם זאל - האט צוריק אריינגעקוקט, און ווי נאר ער האט געזען וואס שפרה טוט, האט ער פון איר און דעם קינד נישט געקענט אראפנעמען די אויגן!

דער מנהל - וועלכער האט נאכאלס געהאט א מינימאלע האפענונג אולי יחוס אולי ירחם - האט געמיינט אז דער עושר קוקט ווייל עס רעגט אים אויף ווי א פרוי האט די חוצפה צו בארואיגן און גלעטן דעם מחוצף וואס האט אים אזוי מבזה געווען און צע'מזיק'ט... דא האט שוין דער מנהל פארלוירן די שליטה אויף זיך, און מיט א ווילדע כעס איז ער צוריק אריינגעלאפן אין זאל, און אנגעהויבן שרייען אויף שפרה: "וואס האסטו מיר דא אנגעמאכט?!?! נעם דיר צוזאמען דיינע זאכן און פלי ארויס פון דא! און קום מער קיינמאל נישט צוריק!!!"

שפרה האט נישט געוויסט וואס עס איז אויף איר געפאלן, וואס האט זי דא שלעכט געטון?!?! אבער זי האט געזען אויף דער מנהל'ס פנים אז עס איז נישט דא קיין וועג צוריק!

דער מנהל איז צוריק ארויסגעגאנגען צו ארויסבאגלייטן דער עושר - וואס האט פונקטליך געזען וואס דא איז יעצט געשען מיט שפרה - און שפרה האט מיט טרערן אין די אויגן צוזאמגעפאקט אירע זאכן, און איז אהיימגעגאנגען און אויסגעפלאצט אין א ביטערע געוויין, נישט וויסנדיג וואס אין די וועלט זי האט דא שלעכט געטון...

דער מנהל איז אהיימגעגאנגען, זיך נישט קענענדיג בארואיגן פון די בושות וחרפות וואס ער האט דא היינט געהאט...

ויהי ממחרת... אלע קומען צוריק אריין אין די מוסד - חוץ פון שפרה - און די לופט אינעם מוסד איז געווען גוט גוט אנגעזעצט... יעדעם איז נאך געלעגן אין די ביינער די בושה און נידערלאגע פונעם נעכטיגן דורכפאל... און דער מנהל איז ווייטער אנגעצויגן פון וואו דעקט מען דעם בודזשעט?...

פלוצלינג... באווייזט זיך ביים טיר פונעם מוסד א חשוב'ער גאסט! דער נעכטיגער באזוכער - דער עושר איז דא! דער מנהל - וועלכער איז שטארק רויט געווארן - איז אים אנטקעגנגעלאפן מיט איין אטעם, און מיט וואונדער אים געפרעגט: "וואס האבן מיר די זכיה אז איר זענט דא צוריקגעקומען?"

ענטפערט דער גביר: "רוף צוזאמען אלע איינגעשטעלטע, איך וויל עפעס זאגן פאר ענק אלע". דער מנהל איז שנעל געלאפן און צוזאמגערופן אלע איינגעשטעלטע, און דער עושר הייבט אן רעדן: "איך בין נעכטן דא געווען, און איר האט דאך אודאי מיטגעהאלטן וויאזוי מיין נעכטיגע וויזיט האט זיך געענדיגט... וויסן זאלט איר אז אין אלגעמיין בין איך א שוואכער געלט-געבער... און ווען שוין יא, איז דאס מער פאר מוצלחים, פאר קאלעדזשעס פון וואו עס קומען ארויס געלערנטע חברה... אבער אין אזעלכע סארטן מוסדות האב איך א קליינע אינטערעסע...

"אויך נעכטן ווען איך בין דא אריינגעקומען, האב איך גלייך געפילט אז מען פראבירט צו מאניפולירן מיין מח... און איך האב באשלאסן אז איך געב נאר א איינמאליגע קליינע סכום געלט!

"נישט האבנדיג קיין געדולד מער פאר די דרשות בין איך געגאנגען קוקן אביסל אויף די קינדער, און

זייער נעבעכדיגער מצב האט מיר גראדע יא אביסל אנגעווארעמט, אבער מיין מיינונג האט זיך נישט געטוישט, ביז... איך האב געכאפט דעם פראסק...

"ווען איך בין ארויס פון זאל, האב איך מיר פאר א מינוט צוריקגעדרייט, און איך האב געזען א וואונדערליכע זאך! בשעת ווען יעדער - וואס זייערע קעפ טראכטן נאר פון געפעלן און גוט אויסזען וכדו' - איז געווען פארלוירן און צעטומלט האט איינער יא געטון צו די זאך! די פרוי וואס איז צוגעגאנגען בארואיגן דעם ספעציעלער קינד, דאס האט מיר זייער געכאפט און אנגעווארעמט!

"ביינאכט ווען איך האב מיר איבערגעטראכט וואס עס איז היינט געשען, און איך האב מיר דערמאנט פון די פרוי האב איך מיר גענומען שטארק וויינען פון התרגשות! און איך האב אנגעהויבן טראכטן, איך האב געכאפט נאר איין פאטש, וויפיל פעטש האט שוין די פרוי געכאפט? און וויפיל פעטש האבן שוין געכאפט די עלטערן פון אט די קינדער?

"איך האב מיר אנגעהויבן מתבונן זיין, וויפיל הארץ און געטריישאפט ליגט אונטער די מעשים פון יענע פרוי! און איך האב באשלאסן אז יא! איך נעם דער פינאנציעלער עול פון דער מוסד אויף מיינע פלייצעס, און דא גייט ווערן א פאלאץ, מיט פיינע עסן פאר די קינדער און גוטע באקוועמע בעטן, מיט אלע באקוועמליכקייטן, אבער מיט איין תנאי, אז די פרוי וואס האט געהאט די הארץ און פארשטאנד צו דעם קינד - נאר איר געטרוי איך אז זי זאל זיך אפגעבן מיט מיין געלט! און איך האב שוין יעצט מיטגעברענגט מיט מיר אפאר הונדערט טויזנט דאלער, און איך געב דאס איר שוין יעצט איבער.

"וואו איז די פרוי?" דער מנהל איז ביי די שאלה געווארן זייער פארלוירן, און געענטפערט: "זי האט היינט באקומען א טאג אורלויב, מען וועט איר שוין לאזן רופן". איינער איז שנעל ארויסגעלאפן, און איר גערופן אויפן טעלעפאן, און געזאגט אז זי מוז שנעל אריבערקומען!

"שפרה פארשטייט נישט, און זי פרעגט: "מען האט מיר נעכטן ארויסגעווארפן, פארוואס רופסטו מיר צוריק?" אבער יענער האט איר געזאגט שנעל צו כאפן א טעקסי, און אין קורצן מסביר געווען וואס עס איז געשען... און פון יענעם טאג און ווייטער האט דער עושר אריינגעבאכעט שווערע געלטער אין דער מוסד, און דאס איז ממש געווארן זיין צווייטער היים!"

פון די מעשה זעט מען דעם 'הוי דן את כל האדם לכף זכות' אויף אן אויסערגעוועגליכער אופן! אונז גלות אידן זענען אזוויוי די ספעציעלע קינדער, מיר פאטשן און פירן זיך אמאל נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, אבער די צדיקים שבכל הדורות זענען אזוויוי די שפרה, זיי פארשטייען צו אונזער נפש, אז די מרירות פונעם גלות און די טירוף הדעת פונעם מצב מאכט אונז זיך אזוי אויפפירן, און זיי זענען אויף אונז מלמד זכות, און דער אויבערשטער וואס איז אזוויוי יענער עושר ווערט זייער איבערגענומען פון די לימודי זכות פון די צדיקים, און בזכות פון די לימודי זכות איז ער משפיע פאר די צדיקים און פאר גאנץ כלל ישראל כל משאלות ליבם לטובה!

# "ניין ניין! נישט ער רייכערט! היטלער ימ"ש רייכערט ארויס פון אים"

## האט הרה"ק ר' שלמה באבוב'ער זי"ע געזאגט:

## מלאך מיכאל כאפט א פחד

טייערע אידן! דער הייליגער קדושת לוי זי"ע שרייבט אויפן פסוק 'יפקוד ה' אלוקי הרוחות לכל בשר', דער כלל איז אז מ'דארף אייביג מלמד זכות זיין אויף אידן, טראץ וואס זיי פירן זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, וויבאלד מען איז טרוד אין פרנסה און אין ענייני עולם הזה, ווערט מען אמאל פארדרייט, און פארדעם איז אברהם אבינו באטיטלט געווארן אלס דער עמוד החסד, ווייל ער האט ספעציעל געגעבן פאר די מלאכים צו עסן, כדי זיי זאלן אביסל פארשטיין די צרכים פון א בשר ודם, און נאכן דאס פארשטיין וועלן זיי נישט מקטרג זיין אויף בשר ודם'ס, נאר גאר פארקערט זיי וועלן מליץ יושר זיין, און דאס האט משה רבינו געזאגט פארן רבונו של עולם, 'יפקוד ה' אלוקי הרוחות לכל בשר', אז פונקט ווי דער יוצר כל היצורים פארשטייט אז א בשר ודם האט גשמיות'דיגע צרכים, און נאר דערפאר קען ער זיך אמאל אויפפירן נישט ווי עס דארף צו זיין, אדער דאך איז השי"ת אויף אים מלמד זכות, אז עס איז נישט אינגאנצן דעם מענטש'ס שולד, אזוי אויך האט משה רבינו געבעטן אז די מנהיגי ישראל וואס השי"ת וועט שטעלן במשך אלע דורות זאלן אין זיך האבן דעם מידה פון מליץ יושר זיין אויף אידישע קינדער.

הרה"ק ר' משה קאברינער זי"ע האט אמאל נאכגעזאגט בשם צדיק אחד בזה הלשון: "מלאכ'ל מלאכ'ל! א קונץ אז דו ביסט א מלאך? דו זיצט זיך אין הימל און דו דארפסט נישט קיין עסן און טרינקען, דארפסט נישט מגדל זיין קיין קינדער און זיי מפרנס זיין! קום נאר אראפ אויף די וועלט, און דו וועסט אויך דארפן עסן און טרינקען, און אויך דארפן מגדל זיין און מפרנס זיין קינדער, וועלן מיר שוין זען צו דו ביסט נאך אזא מלאך!!!"

הרה"ק ר' איציקל ווארקער זי"ע האט אמאל געזאגט, אז ראש השנה ווען דער מקטרג הערט דעם קול שופר כאפט אים אן א פחד! מלאך מיכאל - וואס איז דער סניגורן של ישראל, האט אמאל געפרעגט דעם שטן: "וואס ווילסטו פון די אידן? דיינע מחשבות אויף אידן זענען נישט ריכטיג! ווייל זיי דארפן מחנך זיין זייערע קינדער בדרך התורה, און נישט אייביג טוען זיי אזוי בשלימות? ווייל זייער דאווענען איז נישט אזוי בשלימות? ווייסטו דען ווי טרוד זיי זענען? נאר וועגן די טירדות זענען זיי נישט בשלימות!!!"

אבער דער שטן האט אים געענטפערט: "גערעכט ביסטו, אבער למעשה נאך אלע תירוצים פירן זיי זיך נישט ווי עס דארף צו זיין!" פלוצלינג, ווען דער שטן האלט נאך אינמיטן רעדן, הערט מען א שטארקע קול פון תקיעת שופר! דער שטן האט זיך זייער דערשראקן, און איז געווארן צעמישט... זאגט מלאך מיכאל פארן שטן: "שעם זיך! קוק אויף דיר אליין! דו ווערסט אזוי דערשראקן און צעמישט פון איין תקיעה! איז וויאזוי קענסטו דן זיין אידישע קינדער וואס זענען כסדר שרוי אין א בהלה, און זיי זענען אזוי טרוד אין פרנסה?!?!"

און דער שטן דער מקטרג האט אויף דעם נישט געהאט וואס צו ענטפערן, איז ער געבליבן שטיל!

איך האב געהערט אין דעם ענין א הפלא'דיגע מעשה פון א באבוב'ער חסיד. הרה"ק רבי שלמה מבאבוב זצוק"ל, האט נאכן קריג זיך באזעצט אין

וועסט-סייד מאנהעטן. איינמאל ערב שבת איז ער אריבערגעגאנגען א גארטן, און אינעם גארטן איז געזעסן א איד... אויף וועם מען האט גארנישט געקענט אנזען אז ער איז א איד רח"ל, אבער דער באבובער רב זי"ע האט נישט געקוקט אויף דעם, און ער איז צו יענעם צוגעגאנגען, און ער פרעגט אים: "דו ביסט א איד?" ענטפערט ער" "יא!"

ער האט אים אביסל אנגעהויבן אויסצופרעגן פון וואו ער שטאמט פונדערהיים, און יענער האט אביסל פארציילט, און מען האט אויף זיין שפראך געזען אז ער האלט נעבעך גארנישט פון אידישקייט רח"ל.

בתוך הדברים האט ער פארציילט אז אינדערהיים איז ער געווען א גרויסער און שיינער בעל תפילה. זאגט אים דער באבובער רב זי"ע: "נו, קום דאווענען ביי אונז, און דו וועסט צוגיין צום עמוד און אונז מהנה זיין מיט דיינע שיינע תפילות!!"

אה! דאס האט שוין יענעם גאנץ גוט געשמעקט... ער האט זיך צו דעם צוגעכאפט... ער איז אריבערגעקומען צום בית המדרש, און איז צוגעגאנגען צום עמוד! און פון דעמאלס און ווייטער איז ער כסדר געקומען און געדאווענט פארן עמוד!

איינמאל שבת אינדערפרי איז ער נישט געקומען אין בית המדרש, און דער באבובער רב האט אים געוואלט צושיקן צום עמוד, הרה"ק דער באבובער רב זי"ע האט באמערקט אז ער איז נישט דא, האט ער געשיקט זיין זון הרה"ק רבי נפתלי צבי מבאבוב זי"ע, צו גיין יענעם אויפזוכן.

ער האט נישט געדארפט צו לאנג זוכן, ווייל יענער איז געשטאנען אין פארק מיט א ציגארעטל אין די האנט, און האט מעלה עשן געווען בעצם יום השבת! רח"ל.

הרה"ק ר' נפתלי צבי זי"ע איז אריין צום טאטן, און געזאגט: "טאטע! אזא איד שיקסטו צו צום עמוד? ער שטייט אינדרויסן שבת קודש און ער רייכערט!"

האט הרה"ק ר' שלמה זי"ע געזאגט: "ניין ניין! נישט ער רייכערט! היטלער ימ"ש רייכערט פון אים! רוף אים אריין, זאל ער דאווענען פארן עמוד!"

הרה"ק ר' נפתלי צבי זי"ע איז בלית ברירה צוריק ארויס יענעם אריינצורופן, און יענער פרעגט פון הרה"ק ר' נפתלי צבי זי"ע: "דו זעסט נישט אז איך רייכער? פארוואס ווילסטו אז איך זאל דאווענען פארן עמוד?!" אבער הרה"ק ר' נפתלי צבי זי"ע האט זיך נישט געלאזט, און אים אריינגעשלעפט, און יענער האט טאקע געדאווענט פארן עמוד!

אזוי איז אנגעגאנגען א לאנגע תקופה וואס ער האט דארט כסדר באקומען דעם עמוד, ביז איין טאג איז ער נעלם געווארן, און מען האט מער נישט געהערט פון אים!

עס זענען אריבער פון דעמאלס צענדליגער יארן! באבוב איז שוין געווען א גרויסע חסידות אין בארא פארק. איין שיינעם טאג קומט אריין צום באבובער רב זי"ע א חסיד'ישער איד מיט א שיינע לאנגע ווייסע בארד, און ער לאדנט איין דעם באבובער רב זי"ע צו קומען זיין מסדר קידושין ביי א חתונה פון זיינס אן אייניקל. פרעגט אים דער באבובער רב זי"ע: "ווער זענט איר?" ענטפערט יענער אינגאנצן פארוואונדערט: "דער רבי דערקענט מיר נישט? איך בין דאך דער בעל תפילה מיטן ציגארעטל!"

דער באבובער רב זי"ע האט ממש אויפגעלאכטן צו זען וואס מיט דעם איד איז געווארן, און ער זאגט אים: "איך בין קיינמאל נישט מסדר קידושין, אבער איך וועל אי"ה קומען צו א שבע ברכות!

ווען דער באבובער רב זי"ע איז געקומען צום שבע ברכות, האט אים דער איד געוויזן צענדליגע אינגעלייט, דורכגעווייקטע חסיד'ישע אידן, און ער זאגט: "רבי! דאס זענען אלע מיינע אייניקלעך, און דאס איז אלעס דעם רבי'נס פירות פון די אלע תפילות ביים עמוד!"

זעט מען פון די מעשה דער געוואלדיגער כח און תוצאה פון מלמד זכות זיין אויף אידן!

אין כ"ק מרן אדמו"ר זצוקלה"ה פלעגט אלע מאל נאכזאגן וואס די ספר תשואות חן ברענגט פון דער מוכיח פון פולנאה אז משיח וועט דן זיין יעדן יוד לכף זכות און אזוי וועט ער מעורר זיין אלע יודן צו תשובה.

# פארוואס האט יעדע מענטש אויך א ביסל א 'קרומע' שכל? פרעגט דער חפץ חיים

## 'אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו'

טייערע אידן! עס שטייט אין ספה"ק תולדות יעקב יוסף, בשם החסיד יעב"ץ, אויף די משנה 'אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו'. אז דאס איז א גרויסער כלל פאר התמדת השלום, אז אויב למשל איינער האט דיר פארשעמט, זאלסטו טראכטן אז אויב דו וואלסט געווען אין זיין מצב וואלסטו יענעם אסאך מער פאשעמט! טייטשט ער מיט דעם די פסוק 'שופטים ושוטרים תתן לך', איידער דו גייסט יענעם דן זיין - שופטים ושוטרים - זאלסטו מאכן זיכער יענעם דן צו זיין אזוי ווי דו וואלסט דיר אליין גע'משפט - תתן לך! אזוי זאלסטו יענעם משפט'ן.

עס האט דערציילט הרה"ח ר' בן ציון פאלמאן אין זיין ספר שלמי תודה, אז ער האט געהאט א חבר מיט וועמען ער האט געלערנט אין כולל. איינמאל איז דער חבר אריינגעקומען אין כולל אינגאנצן צעשאקלט און צעשטורעמט, און ער האט געזאגט אז ער האט א ידיד א גרויסער ביישן, און מיט וואס אימער עס האט זיך נאר אויסגעפעלט האט ער יענעם געהאלפן, אפילו מיט שווערע זאכן. למשל, ווען יענער האט געהאט א קינד, האט ער יענעם ארויסגעהאלפן מיט אלע איינצלהייטן פון די שמחה, און ווען יענער האט זיך אריבערגעצויגן א דירה, האט ער יענעם אויך מיט אלעס ארויסגעהאלפן, און דאס ידידות האט אזוי אנגעהאלטן ביז... דער טאג וואס יענער האט געמאכט א פדיון הבן, און ער האט אים נישט געלאדנט צום סעודה! דעמאלס האט ער זיך אויף יענעם שטארק באליידיגט! היתכן? אזא נאנטער מענטש רופט מען נישט צום פדיון? און ער האט אפגעהאקט אינגאנצן דעם קשר מיטן ידיד!

צום סוף איז ער געוואויר געווארן אז יענעמ'ס בני בית איז א בת לוי... און עס איז בכלל נישט געווען קיין פדיון הבן...

זאגט ר' הילל אז מיט די מעשה פארשטייט מען וואס דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט געזאגט, אז דער אויבערשטער האט פאר דעם געגעבן פאר יעדן מענטש אויך אביסל קרומע שכל... אויב ער קען נישט דן זיין יענעם נאר מיט א קרימע שכל זאל ער דאס ניצן... אבי יענעם דן צו זיין לכף זכות!

נאך דערציילט ר' בן ציון, אז ער פלעגט אסאך מאל דאווענען אין בית הכנסת הגדול אין בני ברק. איינמאל נאכן דאווענען קומט צו צו אים א איד, און זאגט אים: איך בין מיר אסאך משתתף ביי אייערע שיעורים. איינמאל האט איר גערעדט ביים שיעור בענין 'הוי דן את כל האדם לכף זכות', זאלט איר וויסן אז איך האב א שכן וואס איך בין נישט אזוי שוה בשוה מיט אים... איינמאל האט יענער חתונה געמאכט א קינד, און ער האט מיר געשיקט אן הזמנה צו די חתונה, אבער... ס'איז געקומען א ליידיגע קאנווערט, אן די הזמנה בריוול... און לויט ווי איך קען יענעמ'ס טבע האט ער מיר מיט דעם געוואלט ווייזן אז איך רוף דיר דוקא אויסדריקליך 'נישט' צו די חתונה! פרעג איך אייך דארף איך דן זיין דעם שכן לכף זכות? ענטפערט ר' בן ציון : "אודאי דארף מען יענעם דן זיין לכף זכות! קוקט ער דען איבער יעדן הזמנה צו מאכן זיכער אז עס האט נישט קיין טעותים"? און יענער האט עס אנגענומען.

קורץ נאכדעם האט ר' הילל באקומען אן הזמנה צו א חתונה, און... עס איז געווען א ליידיגע קאנווערט! האט ער געזען אין דעם א רמז מן השמים אז ער האט יענעם גוט געענטפערט, אז עס קען אזאנס פאסירן, און מען דארף דן זיין לכף זכות!

עס האט דערציילט א חשוב'ער מחנך פון בני ברק: איך בין איינמאל זיך געגאנגען משתתף זיין ביי א בר מצוה, און אין דעם בר מצוה בחור'ל האט איך געהאט אריינגעלייגט גאר אסאך כוחות אז ער זאל מצליח זיין, און דער טאטע פונעם בחור'ל האט געוואוסט פון דעם, און ווי נאר איך קום אן צום בר מצוה גיי איך צו צום טאטן פונעם בחור'ל, און איך געב אים א ברייטע ווארעמע 'מזל טוב!' און דער טאטע עפנט אפאר אויגן אויף מיר... און קאלטערהייט ענטפערט ער מיר צוריק 'ברוכים תהיו...' איך האב נישט געקענט פארשטיין וואו איז זיין הכרת הטוב?!?! ער ווייסט דאך יא וויפיל כוחות איך לייג אריין אין זיין זון? אבער איך האב מיר געזעצט אויף א פלאץ.

עס גייט נישט אריבער קיין צוויי מינוט, און דער טאטע קומט צו צו מיר מיט א ריזיגע ברייטע ווארעמע שמייכל, און רופט אויס 'מזל טוב!'

איך האב נישט געקענט פארשטיין וואס גייט דא פאר?! מתחילה מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר? נאך אפאר מינוט איז אלעס קלאר געווארן. דער טאטע פונעם בר מצוה בחור האט א צווילינג-ברודער וואס קוקט אויס פונקט ווי אים... און יענער האט דאך נישט קיין אהנונג ווער איך בין... און צו אים בין איך צום ערשט צוגעגאנגען... נו? איז נאך א וואונדער אז ער האט מיר אזוי קאלט אויפגענומען?... און טאקע אפאר מינוט שפעטער האט מיר דער טאטע באמערקט, און ער איז שוין צוגעקומען צו מיר מיט א גרויסע שמייכל!

טייערע אידן! הוי דן את כל האדם לכף זכות, און אזוי וועט השי"ת אונז אויך דן זיין לכף זכות!

# סיפורי צדיקים

## יארצייט פון הרה"ק **ר' מאטעלע הארניסטייפלער** זי"ע.

קומענדיגע וואך כ"ב אלול איז די יארצייט פון הרה"ק ר' מאטעלע הארניסטייפלער זי"ע.

דער באבובער רב זי"ע, הרה"ק ר'מהר"ש מבובוב השני זצוק"ל האט דערציילט, אז ס'איז געווען אמאל ווען ר' מאטעלע איז נאך געווען א קינד, איז געווען א פשוט'ער איד, א פעלד-ארבייטער, וואס האט געוואוינט נעבן טשערקאס, און ער האט געפערליך געליטן יסורים און צרות פון דער פריץ. דער איד האט געהערט אז נעבן די שטאט וואו ער וואוינט איז דא א גרויסער צדיק וואס קען פועל'ן ישועות, האט ער געטראכט אז ער וועט גיין בעטן ביים צדיק זאל אים העלפן.

דער איד איז געקומען צום טיר פונעם הייליגן טשערקאסער, האט די רביצין געזאגט אז דער טשערקאסער איז נישט אינדערהיים, האט ער זיך מורא'דיג צעוויינט. האט זי אים געזאגט אז ס'איז דא א קינד אין הויז, און אפשר וועט ער דיר קענען העלפן.

זי האט אים אריינגעברענגט צו ר' מאטעלע, און דער איד האט זיך אויסגערעדט וואס ער ליידט אלס צאם פון די פריץ. האט ער געזאגט פאר דעם איד: "איך בין א קינד, איך בין נישט קיין רבי, איך קען דיר נישט העלפן". דער איד האט זיך פאר'עקשנ'ט, און ער האט געזאגט: "טאמער דו קענסט מיר טאקע נישט העלפן ביסטו פטור; אבער טאמער קענסטו מיר יא העלפן און דו העלפסט מיר נישט, בין איך דיר נישט מוחל בזה ובבא".

ר' מאטעלע איז אריין אין שטוב, און ער האט אנגעהויבן מורא'דיג צו וויינען. ער האט געזאגט תהלים בכוונה, און נאך א קורצע צייט איז דער איד פטור געווארן

ר' מאטעלע זאגט מ'דארף מיר נישט צובינדן

ר' מאטעלע הארניסטייפלער איז איינמאל געווען זייער קראנק, ער איז געגאנגען צו דאקטוירים אין קיוב זיך צו היילן, האבן זיי געזאגט אז מ'קען אים נאר היילן דורכן ארויפלייגן אויף זיין רוקן ברענעדיגע הייסע אייזנעס, אבער מ'דארף אים צובינדן צום בעט ער זאל זיך נישט רירן, ווייל ער וועט האבן געפערליכע ווייטאגן.

האט ר' מאטעלע געזאגט אז מ'דארף אים נישט צובינדן, ער זאגט צו אז ער וועט זיך נישט רירן. דער דאקטער האט אנגעפאנגען מטפל צו זיין מיט אים, און ער האט זיך טאקע נישט גערירט, און ס'איז אפילו נישט א קרעכץ פון זיין מויל.

דער דאקטער האט זיך מורא'דיג געוואונדערט אויף זיין איינגעהאלטנקייט, און ער האט געזאגט אז נישט לאנג צוריק האט ער געטון די זעלבע זאך פאר א שטארקער רוסישער קאזאק, און ווי נאר ס'האט אנגערירט זיין פלייש, איז ער אויפגעשפרינגען, ער האט אויפגעריסן די שטריק מיט וואס מ'האט אים צוגעבינדן, און ער איז ארויסגעטאנצן פון פענסטער...

האט ר' מאטעלע אים געזאגט: "גלייבטס מיר, אז א איד קומט צו מיר, און דערציילט מיר זיינע צרות, און איך קען אים נישט העלפן, ברענט מיר די צער מער ווי די הייסע אייזן!!!"

# אויב ער וועט חתונה האבן מיט זיין טאכטער, וועט אלעס זיין בסדר"

ווען דער צאנזער רב'ס זון ר' שלום אליעזר'ל האט געדארפט געבוירן ווערן, איז די מאמע געווען א מקשה לילד, האט דער צאנזער רב געזאגט אז מ'זאל גיין צו ר' מאטעלע הארניסטייפלער. האט ר' מאטעלע געזאגט: "אויב דער שווער - דער צאנזער רב, זאגט צו אז דאס קינד וואס וועט געבוירן ווערן וועט חתונה האבן מיט זיין טאכטער, וועט אלעס זיין בסדר" [ער האט געהאט א טאכטער א יונגע מיידל]. האט דער צאנזער רב צוגעזאגט. האט ר' מאטעלע ארויסגעלאזט פון זיינע אויגן צוויי טרערן, און גלייך איז מען געהאלפן געווארן, און ס'איז געבוירן געווארן הרה"ק ר' שלום אליעזר'ל, וואס ער איז טאקע געווארן אן איידעם ביי ר' מאטעלע.

## נישט מאכן קיין בילדער... חוץ

דער טשאקעווע רב האט פארציילט, אז ר' מאטעלע הארניסטייפלער האט מורא'דיג מקפיד געווען אז מ'זאל נישט מאכן פון אים קיין בילדער, אזוי ווייט אז ער האט אמאל געדארפט פארן אויף צאנז אויף א חתונה, האט ער נישט געוואלט פארן, ווייל ער האט געדארפט האבן א פאספארט מיט א בילד.

איינמאל איז ער געוואויר געווארן אז א איד האט א בילד פון אים, יענער האט עס געכאפט אנדעם וואס ער זאל וויסן דערפון. האט ער גערופן יענער איד, און ער האט געהאט מורא'דיגע טענות צו אים פארוואס ער האט געכאפט א בילד. "דו ווייסט דאך אז איך וויל נישט מ'זאל מאכן בילדער פון מיר". האט דער איד אנגעפאנגען צו וויינען, אז ער האט צוויי טעכטער חתונה צו מאכן, און ער האט נישט קיין געלט, האט ער געמוזט כאפן א בילד, אזוי וועט ער קענען האבן אביסל געלט.

ר' מאטעלע האט עס געהערט, האט ער געזאגט, אויב דאס איז די מעשה, זאל מען מיר ברענגען די בגדי שבת, אז מ'זאל קענען מאכן א גוטע בילד, דו זאלסט עס קענען פארקויפן, און דו וועסט האבן גענוג געלט צו חתונה מאכן דיינע קינדער.

האט מען געמאכט די בילד, און יענער האט געהאט פרנסה.

## יארצייט פון הרה"ק ר' שלום - דער ערשטער בעלזא רב זי"ע.

קומענדיגע וואך (כ"ז אלול) איז די יארצייט פון הרה"ק ר' שלום - דער ערשטער בעלזא רב זי"ע.

מ'דערציילט אז ווען דער פריערדיגער בעלזא רב הרה"ק ר' ישכר דוב זי"ע, איז אלט געווען דריי יאר, איז ער געזעסן אויפן שויס פון זיין זיידן - דער ערשטער בעלזא רב, און דער זיידע האט אים אריינגעזאגט עפעס אין די אויערן. ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון שטוב האט אים זיין טאטע הרה"ק ר' יושע - דער מיטעלער בעלזא רב זי"ע געפרעגט: "וואס האט דיר דער זיידע געזאגט?" האט ער געזאגט פאר זיין טאטע אז ער האט פארגעסן.

אזוי איז געווען אפאר מאל דורכאויס די יארן וואס זיין טאטע האט אים געפרעגט אויף יענע שמועס וואס דער זיידע האט אים געזאגט און ער האט יעדע מאל געזאגט אז ער האט פארגעסן.

יארן שפעטער, נאך וואס דער מיטעלער בעלזא רב איז אוועק, און הרה"ק ר' ישכר דוב איז געווארן רבי, בשעת'ן נעמען די ערשטע קוויטל, האט ער זיך דערמאנט אות ביי אות וואס דער זיידע האט אים געזאגט, און דער זיידע האט געזען ברוח הקודש אלע פרטים וואס גייט זיין אסאך יאר שפעטער.

## הרה"ג ר' יצחק שלמה אונגער זצ"ל פארציילט

עס האט פארציילט הרה"ג ר' יצחק שלמה אונגער זצ"ל, אז הרה"ק ר' ישכר דוב זי"ע האט געפרעגט זיין זיידע, דער ערשטער בעלזא רב זי"ע: "ווער זאגט די תפילה פון 'אלקי, נשמה שנתת בי טהורה'; וועסטו זאגן אז דער גוף זאגט עס?! דער גוף איז דאך א מגושמ'דיגע זאך, ער קען דאך אפילו נישט רעדן, בפרט אזעלכע גרויסע זאכן; וועסטו זאגן אז די נשמה זאגט עס? ווי קען זיין אז די נשמה זאגט 'שנתת בי'?

האט דער ערשטער בעלזא רב געענטפערט: "באמת מיין קינד ביסטו גערעכט, זיכער אז די גוף זאגט עס, און די תפילה איז נתתקן געווארן אויף אן אופן אז דער מענטש וואס איז צאמגעשטעלט פון ד' יסודות, אבער ער וועט אזוי מזכך זיין זיין גוף, ער וועט מטהר זיין זיינע אברים גשמיים, אז ס'וועט ווערן אברים רוחניים, דעמאלס וועט ער זאגן די תפילה פון 'אלקי נשמה שנתת בי טהורה', און דעמאלס וועט עס זיין די ריכטיגע וועג וואס מ'זאגט עס".

## דער חסיד פרעגט: "און וואס וועט זיין ביז דער אויבערשטער וועט העלפן"?

ס'האט דערציילט הרה"ח ר' חיים פינק זצ"ל, אז ס'איז געקומען א חסיד צום ערשטן בעלזא רב, און ער האט געזאגט אז ער האט נישט קיין פרנסה. האט אים דער בעלזא רב געענטפערט: "דער אויבערשטער וועט העלפן". האט דער חסיד געפרעגט: "און וואס וועט זיין ביז דער אויבערשטער וועט העלפן"?

האט דער בעלזא רב אריינגערופן די רביצין מלכה ע"ה, און ער האט איר געזאגט אז דער מענטש האט געבעטן פרנסה, האב איך אים געזאגט אז דער אויבערשטער וועט העלפן, און ער פרעגט מיר וואס וועט זיין ביז דער אויבערשטער וועט העלפן. האט די רביצין געזאגט: "נו, ער איז דאך גערעכט..." האט דער בעלזא רב געזאגט: "ביז דער אויבערשטער וועט העלפן וועט דער אויבערשטער אויך העלפן, און דו מיינסט אז איך זאג עס סתם אזוי? ניין, ס'איז א בפירוש'ע פסוק".

האט ער געזאגט אזוי. יעקב אבינו איז אוועקגעגאנגען פון זיין טאטנ'ס הויז, שטייט אין חז"ל אז אליפז איז אים נאכגעלאפן, ער האט אים אלעס צוגענומען, און ער איז געווען מורא'דיג צעבראכן. ער האט זיך געלייגט שלאפן צעבראכענערהייט, ער האט געדארפט גיין אויף א פלאץ וואו קיינער קען אים נישט, און ער האט גארנישט מיט זיך.

האט דער אויבערשטער אים צוגעזאגט אין חלום: "ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה", און אויב וועסטו פרעגן וואס וועט זיין ביז ווען דער אויבערשטער וועט העלפן, האט דער אויבערשטער אים געזאגט: "כי לא אעזבך עד אשר אם עשיתי את אשר דברתי לך", אז איך וועל דיר נישט פארלאזן, אז דער אויבערשטער וועט העלפן ביז ווען דער אויבערשטער וועט העלפן...

# הרה"ק דער קלויזנבורגער רב זצ"ל האט פארציילט

הרה"ק דער קלויזנבורגער רב זצ"ל האט פארציילט, אז דער ערשטער בעלזא רב האט אמאל געזאגט, אז מענטשן זאגן אויף די וואס זאגן וואס די וועטער וועט זיין, אז זיי זענען זיך טועה, זיי זאגן נישט ריכטיג, זיי זאגן אז ס'וועט קומען רעגן, ס'וועט זיין קאלט, און צום סוף געשעט עס נישט.

האט ער געזאגט, באמת האבן זיי טאקע יא גוט געזען, ווייל לויט די חכמה פון די רוחות, די דרך הטבע, און אלע סימנים, האט טאקע די וועטער אזוי געדארפט זיין, נאר וואס דען? יענעם טאג האט א קינד געדארפט גיין אין חדר לערנען תורה, און ער האט נישט געקענט אויסהאלטן די קעלט, געבט ער א קרעכץ פארן אויבערשטן, אז ס'איז אים זייער קאלט, און ער בעט דעם אויבערשטן אז ס'זאל ווערן ווארעם, האט דער אויבערשטער רחמנות אויף אים, ער טוישט די זמנים, און ער מאכט א ווארעמע וועטער, און דער סוד ווייסן נישט די וועטער-זעערס אז דער אויבערשטער קען משנה זיין די טבע אפילו פאר א קליין קינד.

## זי איז קרעציג פון קאפ ביז פיס

עס האט דערציילט הרה"ח ר' נחמן דעק ז"ל, אז דער ראש הקהל אין די שטאט פון דער ישמח משה זי"ע האט געהאט א זון א גרויסער עילוי. ויהי היום, איז דער יצר הרע פון דער זון געווארן שטארק, ער האט אנגעהויבן פאלן פון זיין מדריגה, ביז ער האט געוואלט חתונה האבן צו א גוי'טע רח"ל.

דעם טאטן האט עס זייער וויי-געטון און ער האט זיך זייער געשעמט, ער האט גארנישט געקענט טון, און ער האט שוין אפילו נישט געוואלט ארויסקומען פון הויז, ביז ווען ער איז געקומען צום ישמח משה, און ער האט זיך אויסגערעדט. האט דער ישמח משה געזאגט: "די זאך קען מען נאר העלפן אין בעלזא, גיי צום ערשטן בעלזא רב, נעם מיט דיין זון, און דארט וועסטו געהאלפן ווערן.

ער האט אנגעהויבן בעטן זיין זון זאל מיטקומען מיט אים קיין בעלזא, קודם האט ער נישט געוואלט הערן דערפון, אבער נאך אסאך מאל זיך איינבעטן איז ער מיטגעפארן.

ווען זיי זענען אנגעקומען קיין בעלזא, זענען דער טאטע מיטן זון אריין צום בעלזא רב. דער טאטע האט אנגעפאנגען צו זאגן פארן בעלזא רב דאס איז מיין זון, און דאס און דאס איז געשען מיט אים. דער בעלזא רב האט געהערט די געפערליכע מעשה, האט ער זיך געוואנדן צו דעם זון, און ער זאגט אים, אזוי ווילסטו טאקע טון? און ער האט נישט געענטפערט.

זאגט אים דער בעלזא רב, האסט מיט דיר א בילד פון די גוי'טע? דאס האט ער שוין הנאה געהאט צו הערן. גלייך האט ער געגעבן די בילד. האט דער בעלזא רב אנגעהויבן צו שרייען מיט א קול, "פע, פע, מיט דעם גייסטו האבן א שייכות?". און גלייך האט זיך דער בעלזא רב געוואנדן צו דער טאטע פון דעם בחור, און געזאגט: "פאר אהיים געזונטערהייט".

ווען זיי זענען אנגעקומען אהיים, האט דער זון זיך געוואלט ווענדן צו די גוי'טע, און זי האט נישט געוואלט קומען. איז ער ארויפגעגאנגען צו די גוי'טע אין שטוב אריין, האט ער געזען אז זי איז קרעציג פון קאפ ביז פיס... האט ער אויסגערעכנט, אז די קרעץ איז געשען בשעת ווען דער בעלזא רב האט געשריגן: "פע, פע". ער איז מורא'דיג נתפעל געווארן פון דער סיפור, און ער האט זיך איבערגעדרייט לטוב, און ער איז געווארן אן עכטער בעל תשובה.

זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל.

# א פרייליכן שבת